# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

362 | פרשת ויגש | תשפ"א

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### אזוי דארף מען צוגיין צו א דאווענען!

**"וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי וְאַל יִחַר אַפְּךָ בְּעַבְדֶּךָ כִּי כָמוֹךָ כְּפַרְעֹה"** (מד יח)

"'כי כמוך כפרעה' - חשוב אתה בעיני כמלך, זה פשוטו" (רש"י)

מ'דארף פארשטיין: וויאזוי קען זיין אז דאס וואס יהודה טוט אים שעצן ווי א קעניג זאל בארואיגן זיין צארן אויף דעם וואס ער רעדט צו אים שטרענג, פארקערט, דווקא וועגן דעם דארף ער אים מער מכבד זיין?

ענטפערט **רבי יוסף נחמיה קארניצער** דער קראקעווער רב:

יהודה האט געזאגט צו יוסף: ווען א פראסטער מענטש און א גאסן יונג פארשעמט א חשוב'ן און געהויבענעם מענטש, וועט יענער נישט צולייגן קאפ צו זיינע ווערטער; אויך דו - ווייל דו ביזסט חשוב אין מיינע אויגן ווי א קעניג, דארפן מיינע שטרענגע ווערטער דיך נישט טשעפענען.

אויך מיר נוצן די טענה ווען מיר קומען דאווענען און בעטן אויף אונזערע באדערפענישן פון הקדוש ברוך הוא; כאטש נישט איינמאל פאלן מיר ליידער אדורך מיט פארשידענע זינד, זאגן מיר פארן אייבערשטן: דיין כבוד איז דאך 'מלוא כל הארץ', און מיר זענען 'קרוצי חומר', און אויב דער כבוד פון א מלך בשר ודם ווערט נישט קלענער דורך א נארישע אויסדרוק פון א פראסטער מענטש, על אחת כמה וכמה די כבוד פון מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, דעריבער זאלן אונזערע זינד נישט אפהאלטן אונזערע תפילות פון אנגענומען ווערן.

אויף דעם האבן די חכמים מרמז געווען ווען זיי האבן אונז געלערנט (ברכות י ב): "אל יעמוד אדם במקום גבוה ויתפלל, אלא במקום נמוך ויתפלל"; ווער עס האלט זיך גרויס אין הארץ, האט נישט קיין פתחון פה צו דאווענען ווען ער איז ח"ו פוגם אין כבוד שמים, נאר דער וואס שטייט "במקום נמוך" מיט דעם וואס ער טוט איינערקענען זיין נידריגן צושטאנד, ער קען האָפן אז זיינע עבירות וועט נישט אפהאלטן זיינע תפילות.

די געדאנק האבן די חכמים אויך מרמז געווען (ב"ר צג ו) ווען זיי האבן גע'דרש'נט דעם פסוק "ויגש" - "הגשה לתפילה", ווייל פון די ווערטער פון יהודה צו יוסף, קען מען זיך לערנען וויאזוי מ'דארף צוגיין צו א דאווענען.

'חדושי רבינו יוסף נחמיה'

### יוסף האט געדאוונט אויף קפיצת הדרך

**"וַיְשַׁלַּח אֶת אֶחָיו וַיֵּלֵכוּ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַל תִּרְגְּזוּ בַּדָּרֶךְ; וַיַּעֲלוּ מִמִּצְרָיִם וַיָּבֹאוּ אֶרֶץ כְּנַעַן אֶל יַעֲקֹב אֲבִיהֶם"** (מה כד-כה)

עס איז שווער צו פארשטיין דער לשון הפסוק: "וַיֵּלֵכוּ", און נאכדעם: "וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם"; אויב זיי זענען שוין געגאנגען, וויאזוי קען ער רעדן צו זיי?

ערקלערט **רבי מרדכי הכהן** פון צפת:

נישט 'צו זיי' האט יוסף גערעדט, נאר 'אויף זיי' האט ער געדאוונט צו הקדוש ברוך הוא - נאך וואס זיי זענען געגאנגען - די וועג זאל פאר'קורצ'ערט ווערן, כדי די גוטע בשורה אז ער לעבט און איז קעניג אין מצרים זאל ווי פריער אנקומען צו זיין פאטער'ס אויערן, און דורך דעם זאל פארקלענערט ווערן די ווייטאג און די צער וואס ער ליידט פון דער טאג וואס מ'האט אים פארקויפט. זיין תפילה איז טאקע אנגענומען געווארן, אזוי ווי מ'קען לערנען פון די פסוקים, באלד נאך: "וַיַּעֲלוּ מִמִּצְרָיִם" שטייט: "וַיָּבֹאוּ... אֶל יַעֲקֹב אֲבִיהֶם".

די תפילה פון יוסף איז אויך מרומז אין דער פסוק: "אל תרגזו בדרך" - איז בגימטריה: "א-ל אלקים הוי"ה יקצר לכם זה הדרך".

'שפתי כהן'

### 'ברוך שחלק מכבודו' פאר יוסף

**"וַיֶּאְסֹר יוֹסֵף מֶרְכַּבְתּוֹ וַיַּעַל לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל אָבִיו גֹּשְׁנָה וַיֵּרָא אֵלָיו וַיִּפֹּל עַל צַוָּארָיו וַיֵּבְךְּ עַל צַוָּארָיו עוֹד"** (מו כט)

"אבל יעקב לא נפל על צוארי יוסף ולא נשקו, ואמרו רבותינו (דרך ארץ זוטא פ"א) שהיה קורא את שמע" (רש"י).

לכאורה איז זייער שווער: ממה נפשך, אויב יעקב און יוסף האבן זיך באגעגנט אין די צייט וואס מ'דארף ליינען קריאת שמע, פארוואס האט יוסף נישט געליינט, און אויב זיי האבן זיך געטראפן אין א אנדערע צייט, פארוואס האט יעקב באשלאסן פונקט יעצט ליינען קריאת שמע?

ערקלערט דער **'כתב סופר'**:

יעקב אבינו האט מכבד געווען זיין זון יוסף ווי א קעניג (ראה מגילה טז ב). די סיבה פארוואס מיר זענען מכבד די מלכי ישראל איז ווייל דער מלך מלכי המלכים האט באשלאסן אוועקגעבן פון זיין כבוד פאר זיי, אזוי ווי מיר לערנען זיך פון דער נוסח הברכה וואס די חכמים האבן מתקן געווען (ברכות נה ב) ווען מ'זעט זיי: "שחלק מכבודו ליראיו". לויט דעם ווי מער די כבוד שמים איז חשוב אין די אויגן פון מענטשן, ווערט פארמערט די כבוד פון דער קעניג, ווייל ווי געזאגט איז זיין כבוד א חלק פון כבוד שמים.

ווען יעקב האט זיך באגעגנט מיט יוסף און אים געוואלט מכבד זיין ווי עס פאסיג פאר א קעניג, האט יעקב געוואלט ווייזן פאר יוסף אז ער איז אים נישט מכבד ווייל פרעה האט אים אויפגענומען פאר א קעניג, נאר ווייל ה' יתברך האט אים צוגעטיילט פון זיין כבוד, דעריבער האט ער דעמאלטס געליינט 'קריאת שמע' און מיט דעם מרבה געווען כבוד שמים, און דורך דעם איז גרעסער געווארן די כבוד פון יוסף.

שו"ת 'כתב סופר' או"ח סי' לז

### נישט דאווענען נעבן עבודה זרה

**"וַיְבָרֶךְ יַעֲקֹב אֶת פַּרְעֹה וַיֵּצֵא מִלִּפְנֵי פַרְעֹה"** (מז י)

"דרך כל הנפטרים מלפני שרים, מברכים אותם ונוטלים רשות. ומה ברכה ברכו? שיעלה נילוס לרגליו. לפי שאין ארץ מצרים שותה מי גשמים אלא נילוס עולה ומשקה, ומברכתו של יעקב ואילך היה פרעה בא על נילוס והוא עולה לקראתו ומשקה את הארץ" (רש"י, ע"פ תנחומא נשא כו).

פארוואס האט יעקב אנגעוואונטשן פרעה נאר ווען ער איז ארויס און נישט באלד ווען איז אנגעקומען?

זאגט האדמו"ר **רבי אשר ישעיה פון רימנוב**:

די הויז פון פרעה איז געווען פול מיט עבודה-זרה, וועגן דעם האט יעקב נישט געקענט דאווענען אויף אים און אים וואונטשן נאר ארויסגייענדיג. ענליך צו דעם ערקלערן די חכמים (שמו"ר יב ה) די סיבה פארוואס משה רבינו האט געזאגט (שמות ט כט): "כצאתי את העיר אפרוש את כפי אל ה'", ווייל ער האט נישט געוואלט דאווענען אין לאנד מצרים וואס איז געווען פול מיט עבודה זרה.

'מעדני מלך'

"הֲיֵאָכֵל תָּפֵל מִבְּלִי מֶלַח?" (איוב ו ו)

אין דעם פריערדיגן ספר 'פתח עינים' (וואס דער רמ"א דערמאנט אים אין 'דרכי משה' או"ח כה ג) ערקלערט דער מחבר רבי משה בן רבי יקר אשכנזי, דעם מאמר חז"ל (ברכות נג א) "גדול העונה אמן יותר מן המברך":

"אויב דו וועסט פרעגן וויאזוי קען זיין אז איין ווארט זאל זיין גרעסער פון א גאנצע ברכה? נעם דיר א משל... א ברכה אן ענטפערן אמן איז ווי א עסן אן זאלץ, און דורך די ביסל זאלץ וואס מ'לייגט אריין אין א גרויסע געקעכטס, וועט די גאנצע געקעכטס זיין גוט צום עסן. אויב אזוי איז דער זאלץ דער עיקר טראץ וואס ער איז ווייניג, אזוי איז דער אמן ווייניג אבער דער עיקר".

'בני אמונים', אמן אויף יעדע ברכה!

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## די ברכה 'אוזר ישראל בגבורה'

### 'ה' עוז לעמו יתן'

אויף די ברכה 'אוזר ישראל בגבורה' זאגן די חכמים (ברכות ס ב): "כי אסר המייניה" - ווען ער בינדט צו זיין גארטל (רמב"ם תפילה ז ו) "לימא [זאל ער זאגן]: ברוך... אוזר ישראל בגבורה". ערקלערט רבינו מנוח (אויפן רמב"ם): אין זייערע צייטן איז מען געגאנגען אנגעטון מיט א לאנגע העמד, און אויף דעם האט מען ארום געבינדן א גארטל צו שטארקן דעם קערפער. די גארטל סימבאלעזירט 'שטארקייט', אזוי ווי עס שטייט (איוב לח ג): "אזר נא כגבר חלציך", דעריבער האט מען מתקן געווען אז בשעת'ן עס אנטון זאל מען לויבן אויף דעם וואס הקב"ה גארטל'ט און שטארקט די אידן מיט זיין גרויסע שטארקייט, און איז פאר זיי א קוואל פון שטארקייט אין יעדע צייט.

נאך ערקלערט רבינו מנוח אז אין די ברכה לויבן מיר אויף דעם וואס הקב"ה גארטל'ט אונז אן מיט די שטארקייט פון די תורה. דער בעל 'סדר היום' ערקלערט עס מער באריכות (סדר ברכות השחר) און זאגט אזוי: "ה' האט אונז אנגע'גארטל'ט מיט גבורה - גבורה באדייט די תורה וואס איז אונז געגעבן געווארן מצד הגבורה, אזוי ווי עס שטייט: (דברים לג ב) 'אש דת' ['אש' איז מרמז אויף די בחינה פון גבורה, זעה אין תיקו"ז יב], און דאס האלט אונז אין גלות, ווען נישט די תורה וואלטן מיר זיך נישט געקענט האלטן אקעגן די אלע צרות וואס מיר זענען אריבער און וואס מיר גייען שטענדיג אריבער, און הקב"ה ראטעוועט אונז פון זייערע הענט און העלפט אונז מיר זאלן קענען עקזיסטירן אויף דער וועלט".

### א וואנט צווישן די צוויי טיילן פון די קערפער

דער ראב"ד ערקלערט אז 'המייניה' איז די הויזן. לויט די שיטה לויבן מיר ביי די ברכה אויף 'אנגארטלען די הויזן', וואס טיילט אפ צווישן דער אויבערשטער טייל פון אונזער קערפער - וואו עס געפונט זיך די פארשטאנד און שכל - צו דער אונטערשטער טייל, און דורך דעם קענען מיר זיך מתגבר זיין אויפן יצה"ר און דינען דעם אייבערשטן מיט א ריינע הארץ. לויט דעם, די 'גבורה' אויף וואס מיר לויבן אין די ברכה, איז די גבורה אויפן יצר, און אזוי ווי די חכמים זאגן (אבות ד א): "איזהו גבור, הכובש את יצרו" (אבודרהם; רבינו מנוח שם).

רבי שמשון פינקוס ערקלערט אז אין די הודאה ליגט באהאלטן א מורא'דיגער שבח:

אנדערשט פון א מלאך וואס איז כולו רוחני, איז דער מענטש צוזאמגעשטעלט פון צוויי פארקערטע זאכן, רוחניות און גשמיות; די חלק הרוחני געפונט זיך אין אים אין דער אויבערשטער טייל, און דער נידריגער טייל פון דער קערפער געפונט זיך אין דער אונטערשטער טייל. אונזער ארבעט אויף דער וועלט איז צו מאכן א צווישנשייד צווישן די צוויי חלקים, און דאס ווערט געטון מיט די הילף פון די גארטל וואס מיר זענען ארום גענומען. ביי די ברכה 'אוזר ישראל בגבורה' לויבן מיר אויף דעם וואס הקב"ה האט צוגעגרייט א מחיצה וואס זאל אפטיילן צווישן די צוויי חלקים. ווייל די מעלה איז נאר ביי די אידן, אבער ביי די גויים - איז די הארץ מיט די פיס איינס, דעריבער טון מיר באטאנען: "**אוזר ישראל** בגבורה" ('נפש שמשון' סידור התפילה עמ' קכד. וראה ט"ז או"ח מו ב).

### זיך שטארקן אויפן יצר

די גוטע ווילן פונעם מענטש און דער יצר הרע האבן א שטענדיגע מלחמה; אויך אויב איינמאל האט ער מצליח געווען מכניע זיין דעם יצר, לאזט ער נישט נאך, נאר ער פרובירט ווידער אים מכשיל זיין מיט זינד. און טאקע אזוי, בדרך הטבע קען נישט דער מענטש זיך מתגבר זיין אויף זיין יצר, ווען נישט הקב"ה העלפט אים צו אויף דעם, אזוי ווי רבי שמעון בן לקיש זאגט (סוכה נב ב): "יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ומבקש להמיתו... ואלמלא הקדוש ברוך הוא שעוזר לו - אינו יכול לו". אבער, כדי ער זאל זוכה זיין צו די הילף דארף דער מענטש באשליסן צו גיין אין גוטע וועגן און זיך שטארקן מיט יראת ה' לויט זיין מעגליכקייט, און ווען ער וועט טון אלעס פון זיין זייט, איז ער פארזיכערט אז דער באשעפער וועט אים שיקן זיין הילף און שטיין צו זיין רעכטע זייט.

רבי יעקב צבי פון קלינבורג טייטש אז אויף די געטליכע הילף לויבן מיר ביי די ברכה, ווייל ווען הקב"ה וואלט נישט אנגע'גארטל'ט די אידן מיט די שטארקייט וואס פעלט אויס כדי צו קענען אונטערטעניגן דעם יצר, וואלטן זיי אים נישט געקענט בייקומען ('עיון תפלה' הובא בסידור 'דרך החיים' עמ' כג).

### די שטארקייט פון די אמונה

נאך טייטש רבי יהודה בן יקר ('פירוש התפלות והברכות' ח"ב עמ' כד) אז אין די ברכה לויבן מיר הקב"ה אויף דעם וואס ער איז מחזק די אידן זאלן זיך קענען אנכאפן און זיין באהאפטן אין זיין אמונה, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה יא ה): "והיה צדק אזור מתניו והאמונה אזור חלציו".

צוליב אונזערע זינד זענען מיר געגאנגען אין גלות, און מיר ליידן יסורי הגוף און יסורי הנפש וואס מיר דארפן זיי מקבל זיין באהבה און בהכנעה, מיט א אמונה און ביטחון אין השי"ת אז ער וועט אונז אפהיטן פון אלעם שלעכטן, און מיט א אינערליכע האפענונג צו די גאולה וואס וועט זיין בקרוב. אבער ווען מ'איז גוזר אויף אונז גזרות אקעגן אונזער אמונה און רוחניות'דיגער צוקונפט, דארפן מיר זיך אנגארטלען מיט א שטארקייט און זיך אוועקשטעלן אן קיין שרעק אקעגן די וואס ווילן אונז שלעכט'ס טון, זיך אנכאפן אין די אמונה מיט די גאנצע שטארקייט און מיט דעם צושטערן זייער עצה און געדאנקען. צו די שטארקייט וואלטן מיר נישט צוגעקומען ווען דער אייבערשטער שטייט נישט צו אונזער רעכטע האנט אקעגן די וואס שטעלן זיך אויף אקעגן אונז, און אויף דעם לויבן מיר ביי די ברכה: "אוזר ישראל בגבורה" - אז ער געבט אונז דעם כח זיך צו האלטן מיט די אמונה אויך אין די טיפעניש פון די גלות ('מטה נפתלי' [לר"נ סופר] ח"ב דרוש יז).

ווי א פארזעצונג צו די פריערדיגע ווערטער קען מען זאגן, אויב ביי יעדע ברכה דארף מען מקפיד זיין עס משלים זיין דורך ענטפערן אמן, על אחת כמה וכמה ביי די ברכה וואס מיר לויבן אויף דעם וואס מיר קענען זיך אנהאלטן אין די אמונה, דארפן מיר זיכער ענטפערן 'אמן', ווייל די גאנצע ענין פון אמן איז שטארקן די אמונה, אזוי ווי רבינו בחיי שרייבט (שמות יד לא): "ווייל די אמונה איז די יסוד פון כל התורה כולה האבן רבותינו ז"ל מתקן געווען ביים דאווענען און ביי די ברכות ענטפערן אמן, וואס קומט פון די לשון אמונה...".

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אוֹזֵר יִשְׂרָאֵל בִּגְבוּרָה** - אויף דעם וואס ער גארטל'ט אונז ארום מיט א ספעציעלן מלבוש וואס טיילט אפ דעם אויבערשטן טייל פון קערפער פון דער אונטערשטער טייל, און דורך דעם קענען מיר זיך שטארקן אויפן יצר.

**אָמֵן - אמת** אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף דעם וואס ער האט אונז געשאנקען א מלבוש וואס טיילט אפ די צוויי חלקים פון אונזער קערפער און ערמעגליכט אונז זיך מתגבר זיין אויף אונזער יצר.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## 'ברית ותורה' אינמיטן חלום

דא איז פאר אייך א וואונדערליכן און אינטערעסאנטן ערציילונג, וואס האט פאסירט פאר אסאך יארן, און איז לעצטנ'ס נתפרסם נאך די פטירה פון איינער פון די העלדן, הגאון המופלא רבי אליעזר דוד פריעדמאן זצ"ל. די ערציילונג איז געהערט געווארן פון הגאון רבי נחום שיינין שליט"א, אב"ד אשדוד.

אין יאר תרפ"ה האט דער גאון המוסר מרן הגאון רבי נתן צבי פינקל זצ"ל אפגעלאזט די שטעטל אין ליטא וואס האט זוכה געווען אז זיין נאמען ווערט דערמאנט אויף די שטאט 'דער אלטער פון סלאבודקא', און דארט האט ער פאר צענדליגער יארן אויפגעשטעלט זיין באוואוסטע ישיבה 'כנסת ישראל', און איז געפארן קיין ארץ הקודש, צוזאמען מיט אסאך פון זיינע תלמידים, כדי צו קענען גרינדן דארט א ישיבה וואס וועט זיין ווי א המשך צו די שיינע ישיבה וואס ער האט איבערגעלאזט אין ליטא.

דער 'אלטער' וואס אין יענע יארן איז שוין געווען זייער אלט, האט זיך אנגע'גארטל'ט מיט יונגע כוחות און האט אויפגעשטעלט פון דאסניי זיין ישיבה אין די שטאט חברון, ווען צו אים שטעלן זיך צו צענדליגער ישיבה-בחורים וואס זענען צוזאמען מיט אים ארויף צו די הייליגע לאנד, און אויסער זיי זענען צוגעקומען נאך תלמידים פון די נייע ישוב אין ארץ הקודש.

איינער פון די נאנטע תלמידים וואס זענען ארויף מיטן 'אלטער' קיין ארץ ישראל איז געווען הגאון רבי מנחם מענדל שיינין זצ"ל, דער פאטער פון הגאון רבי נחום שליט"א, אב"ד אשדוד.

דער ערציילונג האט זיך אנגעהויבן אז אין א געוויסע טאג איז רבי מנחם מענדל אריין אין הויז פונעם 'אלטער' פונקט ווען ער האט געענדיגט עסן פירות פון שבעת המינים וואס די הייליגע לאנד איז מיט זיי געבענטשט געווארן, און האט געהאלטן פארן זאגן די ברכה 'מעין שלש'.

אלץ א נאנטער תלמיד האט רבי מנחם מענדל, געוואוסט צו שעצן און מחשיב זיין די זעלטענע געלעגנהייט וואס האט זיך אים דא געמאכט. ער האט זיך אוועקגעשטעלט שטילערהייט ביי די אריינגאנג פון די צימער, און זיך קאנצענטרירט קוקנדיג אויפן געזיכט פונעם 'אלטער' און צוגעלייגט זיין אויער גוט איינהערן זיין ברכה.

דער 'אלטער' האט געזאגט די ברכה געלאסן אזוי ווי זיין געוואוינהייט, ווען מיט זיין איינגענעמע שטימע און געמאסטענע ווערטער געבט ער אריין א באדייט אין יעדע ווארט וואס קומט ארויס פון זיין מויל. רבי מנחם מענדל האט צוגעהערט, און פלוצלינג איז ער ערשטוינט געווארן הערנדיג ווי דער 'אלטער' זאגט אנדערשט פון די אנגענומענע נוסח, און לייגט צו נאך ווערטער: "על ברית ותורה שנתת לנו".

רבי מענדל האט זיך זייער געוואונדערט אויף דעם, און באלד נאכן ענדיגן די ברכה איז ער אויפגעשפרינגען פון זיין פלאץ און האט ארויסגעברענגט זיין וואונדער פארן 'אלטער': דער נוסח ווערט נישט דערמאנט אין פוסקים, אדרבה, פון דעם וואס מ'דערמאנט נישט 'ברית' און 'תורה' ביי די ברכה 'מעין שלש' האבן אסאך געברענגט א ראי' אז דערמאנען 'ברית ותורה' ביי ברכת המזון איז נישט מעכב, איז פארוואס זאגט דער 'אלטער' אנדערשט פון די אנגענומענע נוסח?

דער 'אלטער' האט צוגעלייגט קאפ צו זיין פראגע, און האט אים געענטפערט קורץ: "דער נוסח האט א פריערדיגער מקור, אין 'מחזור ויטרי', און לויט דעם פיר איך זיך אזוי צוזאגן". נאכדעם האט ער צוגעלייגט: "דו קענסט זיך אויך אזוי פירן, אבער איך בעט דיר, פאר אנדערע זאלסטו נישט הייסן אזוי טון".

אסאך יארן זענען אדורך פון דעמאלטס. דער 'אלטער' איז נפטר געווארן, און רבי מענדל האט חתונה געהאט און אויפגעשטעלט א שיינע משפחה געבויעט אויף די יסודות וואס ער האט געלערנט ביי זיין רבי'ן דער 'אלטער' זצוק"ל, ווען צווישן די הנהגות וואס ער האט זיך געפירט איז געווען, דערמאנען 'ברית ותורה' ביי מעין שלש.

אויך זיינע קינדער האבן זיך אזוי געפירט אן קיין צווייפלונגען, ביז דער טאג וואס מ'האט איינגעלאדנט רבי נחום, א זון פון רבי מנחם מענדל, איבערגעבן א שיעור אין הלכות ברכות אין איינע פון די שולן אין די געגנט וואו ער וואוינט.

רבי נחום האט איבערגעגעבן א שיעור אין די ענין פון די ברכה 'מעין שלש', ווען אינמיטן האט ער דערמאנט די פריערדיגע ערציילונג, און שילדערט וואס ער האט געהערט פון זיין פאטער, וויאזוי ער האט געזען מיט זיינע אויגן ווי דער 'אלטער' דערמאנט 'ברית ותורה' ביי די ברכה מעין שלש, לויט ווי עס שטייט דער נוסח אין 'מחזור ויטרי', ווען ער באטאנט אז דער 'אלטער' האט ערלויבט זיין פאטער זיך אזוי פירן, אבער נישט הייסן פאר אנדערע.

עטליכע טעג שפעטער זענען עטליכע יונגעלייט צוגעגאנגען צו רבי נחום מיט א ערנסטן בליק און אים געזאגט: "מיר האבן נאכגעזוכט אין 'מחזור ויטרי' און מיר האבן נישט געטראפן אין ערגעץ ער זאל הייסן זאגן 'ברית ותורה'".

רבי נחום איז שטיין געבליבן געפעלעפט; שוין אסאך יארן וואס ער דערציילט די ערציילונג ביי זיינע שיעורים פאר תלמידי חכמים און בעלי בתים, און קיינער האט עס נישט אפגעפרעגט. אויך ער האט זיך פארלאזט אויף זיין טאטן, און עס איז אים נישט איינגעפאלן נאכזוכן די מקור אין 'מחזור ויטרי'. תוך כדי דיבור האט ער ארויסגענומען פון ספרים-שאנק דעם ספר 'מחזור ויטרי' און האט אנגעהויבן זוכן דעם שטיקל אין יעדע פלאץ וואו עס איז מעגליך עס זאל דארט שטיין, אבער די יונגעלייט זענען גערעכט געווען - ער האט געזוכט און נישט געטראפן.

רבי נחום האט פון דעם געהאט גרויס צער; ווי קען זיין אז אין לויף פון צענדליגער יארן זאגט ער א פארגרייזטער נוסח? ווי קען זיין אז זיין פאטער האט חלילה געהאט א גרייז? און מער פון אלעס, ווי קען זיין אז דער הייליגער 'אלטער' האט געהאט א גרייז? אפשר קען זיין אז ער האט א טעות געהאט אין די איינצעלהייטן פון די ערציילונג...?

ער האט פרובירט זיך ווענדן צו עטליכע מענטשן וואס זענען באקאנט אלץ ידענים און בקיאים, און געבעטן זיי זאלן נאכגיין די ענין, אבער זיי האבן נישט געטראפן קיין ענטפער אויף דעם.

אין א שפעטע נאכט שלאף האט זיך רבי נחום געלייגט שלאפן, ווען זיין מוח איז פארפלאגט פון די פראגע, און אט זעט ער א חלום... אינמיטן שלאף איז זיין טאטע רבי מנחם מענדל ערשינען אקעגן זיינע אויגן, און זאגט אים אזוי: "איך האב געזען אז דו געפונט זיך אין א גרויסן צער אויפן נישט טרעפן דעם נוסח אין 'מחזור ויטרי'. זאלסט וויסן אז די ווערטער פון דער 'אלטער' זענען אמת, און אויב ווילסטו וויסן וואו שטייט עס אין 'מחזור ויטרי', ווענד זיך צו דעם מענטש און ער וועט דיר ווייזן...", זאגנדיג די ווערטער האט רבי מנחם מענדל געוויזן פאר זיין זון אויף די געשטאלט פון א איד א בעל צורה וואס איז געשטאנען נעבן אים, און איז באלד פארהוילן געווארן פון זיינע אויגן.

רבי נחום האט גוט געקענט דעם איד. ער איז געווען זיין שכן אין יענע יארן, הגאון החסיד רבי אליעזר דוד פריעדמאן, פון די חשובע לאנדאנער רבנים, וואס אין יענע יארן האט ער געוואוינט אין בני ברק, אויף די רש"י גאס, נאנט צו רבי נחום'ס הויז.

אויפצומארגנ'ס האט רבי נחום זיך געאיילט ארויף גיין צו זיין פריינד רבי אליעזר דוד, און אים דערציילט אויף דעם אינטערעסאנטן חלום און האט אים געפרעגט צי ער ווייסט טאקע וואו קען ער טרעפן די נוסח אין 'מחזור ויטרי'.

הערנדיג דעם חלום איז רבי אליעזר דוד איבערגענומען געווארן, און זיך אנגערופן מיט באגייסטערונג: "יא יא, טאקע אזוי, פאר א וואך צוריק האב איך דאס ערשטע מאל געזען דער נוסח אין 'מחזור ויטרי', ריכטיג טאקע אז עס ווערט נישט געברענגט אין די נאטורליכע פלאץ - אין הלכות ברכות, נאר אין הלכות ליל הסדר (סי' נט), דארט ברענגט דער 'מחזור ויטרי' דעם נוסח פון די ברכה 'מעין שלש' וואס ווערט געזאגט נאכן טרינקען די פיר כוסות: "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם על הגפן ועל פרי הגפן ועל תנובת השדה ועל ארץ חמדה טובה ורחבה שרצית והנחלת לאבותינו לאכול מפריה ולשבוע מטובה ולהודות לך עליה ועל ברית ותורה שנתת לנו".

'ווי העמודים וחשוקיהם' קובץ מב עמ' קיח

עיצובים shay